אַשְׁנֶעל אִין נָאז

אײנֶע נַאהרֶע עֶרְצֶעהלוּנְג

פון

נ. מ. שײקעװיטש שמ״ר

װילנא

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

135

שנת תר״נ לפ״ק

Дозволено цензурою Кіевъ 19 Января 1896 г.

УДАРЪ ВЪ НОСЪ.
Разсказъ Н. М. Шайкевича.
Собств. и изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ,
д. № 1195/6 1896 г.

א.

דער קארגער מאן .

ניין איך פערמאג דאס ניט , איך טאר דאס ניט — האט
געשריגען האצקעל פרענעל צוא זיין ווייב — איך בין צוא אזא
פיהרונג ניט געוואוהנט געווארין , מיין טאטע איז אן עין הרע
איוד אגביר , פון דעסט וועגין קומט ער אויס אן טייא , מיא
קאכט ביי איהם אף אטאפ ציקאריע אונ אלע טרינקען דאס .
עסין עסט מען ביי אים אויך ניט צוא פערזינדיגען ניט ערגער
וויא ביי לייטען מיא איז ביי אים חלילה ניט הונגעריג האטש
מיא עסט דארט אגאנצע וואך קיין פלייש ניט אונ דוא ווילסט
נאר מיר זאלין אלע טאג עסין פלייש דאס וועסטו געוויס ביי
מיר ניט אויספיהרען , איך בין פערשטעהסט דוא מיך ניט
ראטהשילד .

חאצקעל פרענעל וואר נאך איונגער מאנטשיקיל פון איאר
פינף אונ צוואנציג ער האט ערשט מיט אפאר חדשים צוריק
חתונה געהאט מיט דבורה קאלט אמעדקען פון צוואנציג יאהר
איינע געריהמטע שאנהייט פון אגרויסער פאמיליע אויס דער
שטאדט לינאווא .

עס טרעפט זעהער אפט אז פון צופיל קלייבען פאלט מען
אריין אין איין אונגליק , דבורה קאלט האט זיך ניט געקאנט
צוקלייבין קיין חתן חאטש מיא האט איר גירעדט דיא גרעסטע
שידוכים , אונ דיא שענסטע יונגע לייט האבין זיך צוא איהר
געשדכנט , זיא האט שוין זאנאר געשפילט אליבע אכט מאנהייט
כסדר אונ האט דעם געליבטען ענטזאגט צוליב אקאפריז אונ
האט חתונה געהאט מיט חאצקעל פרענעל .

(אשנעל אין גאז) . דבורה

דבורה קאלט [illegible]

זיא גִיוֶועֶן אַרייכֶע כַּלָה דֶען אִיהר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פוּן פָאטֶער זֶעכְס טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, אוּנ זיא הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אִיהר מוּטֶער זֶעהֶער פֵּיין זָאנַאר רֵייךְ, דֶען דִיא מוּטֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט גֶעלְד אוּנ הָאט גֶעהַאט אַקְאמִיסִיָאנְס גֶעשֶׁעפְט וָואס אִיהר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אִיהר מַאן רבי יצחק קאלט. דִי אַלֶע אַיינְגֶעהֶער פוּן זַייעֶר הוֹיז הָאבֶּין נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט אַז דבורה וֶועט אַמָאהל זַיין זֶעהֶער גְלִיקְלִיךְ וַוייל אִין אִיהר וֶועט זִיךְ גֶעוִויס פַארְלִיבֶּען אַגְרוֹיסֶער גְבִיר.

אוּנ זיא אִיז וִוירְקְלִיךְ לִיבֶּענְסְווִירְדִיג גִיוֶועֶן, דֶען זיא הָאט אִין זִיךְ גֶעהַאט אַלֶע מַעֲלוֹת: שֵׁיינְקַייט, בִּילְדוּנְג, קְלוּגְהַייט אוּנ אָרְדֶענְטְלִיכְקַייט. אוּנ זיא הָאט אִיר וֶוערְטְה פֶערְשְׁטַאנֶען דַארוּם הָאט זיא זִיךְ נִיט אַזוֹא לַייכְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבִּין דֶעם אַיינְפְלוּס פוּן דִיא שַׁכְנִים וָואס הָאבִּין אִיהר פָארְגֶעלֵייגְט שִׁידוּכִים זֶעהֶער פֵיינֶע, בִּיז זיא אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארִין מִיט לאזאר פערלבערג אוּנ זיא הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען מִיט אִיהם צוּא רַאסַאנְסִירֶען מִיט דֶער אַבְּזִיכְט מִיט אִיהם צוּא הֵייַראטֶען.

לאזאר פערלבערג וַואר אַיוּנְגֶער מַאן אַמֶעקְלֶער אוֹיף דֶער בִּירְזֶע, עֶר הָאט פַארְדִינְט מַאסֶען גֶעלְד אוּנ הָאט זֶעהֶער אַשֵׁיינֶע רָאלְיֶע גֶעשְׁפִּילְט, עֶר אִיז גִיוֶועֶן בַּייא יֶעדֶען גֶעאַכְטֶעט אוּנ גֶעלִיבְּט. עֶר הָאט זִיךְ אִין דבורהן נִיט אוֹיף אַנִילֶעכְטֶער פֶערְלִיבְּט, אוּנ הָאט אַרוּם אִיר אַזוֹא לַאנְג גֶעפַּאדֶעט בִּיז אִים הָאט גֶעלוּנְגֶען אִין אִיהר אַיינְצוּפְלַאסֶען לִיבֶּע צוּא זִיךְ. אוּנ עֶנְדְלִיךְ הָאבִּין זַייא אָבְגֶעמַאכְט זַייא זָאלִין זַיין מַאן אוּנ וַוייבּ. זַייא הָאבִּין דָאס זָאנַאר פֶערְאֶפֶענְטְלִיכְט.

אַיין מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז לאזאר הָאט בַּאדַארְפְט אַוֶועק פָאהְרֶען וֶוענֶען אַנְגֶעשֶׁעפְט נָאךְ אדעססע, עֶר הָאט פֶערְשְׁפְּרָאכֶען אִיהר אַלֶע טָאג בְּרִיף צוּא שְׁרַייבֶּען אוּנ הָאט דִיא עֶרְשְׁטֶע צְוַוייא וָואכֶען זַיין פֶערְשְׁפְּרֶעכוּנְג פִּינְקְטְלִיךְ גֶעהַאלְטֶען, עֶר הָאט טַאקִי אַלֶע טָאג גְרוֹיסֶע לִיבֶּעפָאלֶע בְּרִיף צוּא אִיהר

גֶעשִׁיקְט (אשנער אין נאז)

[illegible] נאך מיט אמאל אויפגעהערט צוא
שרייבען, עס זיינען איבער געגאנגען צווייא וואכין אונ זיא האט פון איהם קיין בריף געהאט. אנפאנגס האט זיא געציטערט פיליכט איז ער עפעס ניט געזונד אדער איהם האט זיך איין אונגליק געטראפין. וויא צארניג איז זיא אבער געווארין אלס זיא האט פון זיינעם אקאמעראד וועלכער איז געקומען פון אדעססע ערהערט אז ער איז פאלקאמען געזונד אונ ער שפאצירט אין דיא אדעססער גאסין ארום מיט זעהער אשיינער פריילין מיט וועלכער ער קלערט צוא הייראטען. דיא נאכריכט האט איהר אזוא ערצירנט אז זיא האט איהם גלייך אביין געשריבען אבריף פול מיט זלזולים, האט איהם דארט געמאכט מיט דער בלאטע צוא גלייך, אונ באלד וויא זיא האט דעם בריף אוועק געשיקט האט זיא זיך אנגעהייבין איינצוזהערין צוא דיא שידוכים וואס מיא האט איהר גירעדט, אונ גאר ניט אסך קלערענדיג איז זיא אכלה געווארין פאר חאצקעל פרענעל אויס דער שטאדט ניללראק.

מיא האט געוואוסט אז׳דער חאצקעל איז אגבירעש קינד, אז זיין פאטער איז אבעריהמטער קויפמאן, חאצקעל אליין וואר זעהער אשיינער יונגער מאן אביסעל געבילדעט אונ געקליידעט נאך דער לעצטער מאדע. ער איז דאמאלס גראדע גיוועזען אין ווילנא. דיא שדכנים האבין אנגעהייבין צוא ריידין דעם שידוך, זייא האבין איהם אריינגעפיהרט צוא דבורהן אין הויז. ער האט מיט איהר זעהער פיין גירעדט אונ מיט דעם ערשטען וויזיט איז ער איהר גיפעלין געווארין.

זיא איז געווארין זיין כלה אונ אין דעם זעלבען מאנהייט זיין ווייב. זיא וואר אזוא פערזיכערט אז ער איז אפיינער ארדענטליכער מאן זא דאס זיא האט איהם נאך פאר דער חתונה אבגעגעבין איהר גאנץ געלד אין האנט אריין אונ איז אביין געפאהרען צו איהם אין נוללראק.

ער האט זיא געבראכט אין זיינע עלטערינס הויז, מיא

אָבֶער בַּייא דָעם עֶרְשְׁטֶען אַיינְטְרִיט צוא רבי שלמה פרעגל אִין הויז אִיז זִיא עֶפֶּעס טְרוֹיעֶרִיג גֶעוָואָרִין, אַלֶעס וָואס זִיא הָאט גִיזָעהֶען הָאט אוֹיף אִיר זֶעהֶער אַשְׁלֶעכְטִין אַיינְדְרִיק גֶעמַאכְט; דֶען זִיא הָאט גִיזֶעהֶען וִויא מִיא זָאגְט אַלֶעס חַזִירְשׁ, דָאס מֶעבֶּעל, דִיא הוֹיזְגֶעשִׁיר, דִיא קְלַיידוּנְג פוּן דִיא אַלֶע שְׁטוּבּ-מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אוֹיף אִיהר גֶעוָואָרְפִין אַמָרָה שְׁחוֹרָה, דֶען דָאס אַלֶעס וַואר אָרֶעם אוּנ פֶערְשְׁמוּצְט נִיט וִויא בֵּייא אַנְבִיר, אֲפִילוּ נִיט וִויא בַּייא אַגֶעוָועהְנְלִיכֶען בַּעַל הַבַּיִת. אַלְס מִיא הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט טְרִינְקֶען טֵייא הָאט דִיא שְׁווִינְגֶער אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעטַיילְט צוּא שְׁטִיקְלִיךְ צוּקֶער אוּנ הָאט יֶעדֶען אָנְגֶענָאסֶען גְלֶעזֶער גֶעלֶע וַואסֶער. דבורה הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא אִיז דָא אַרַיינְגֶעפַאלִין צְווִישֶׁען גְרָאבֶּע מֶענְטְשִׁין זִיא הָאט אָבֶער זִיךְ גֶעמוּטְהִיגְט אוּנ הָאט אֲפִילוּ נִיט גֶעגֶעבִּין צוּא מֶערְקֶען אַז זִיא אִיז אוּנ-צוּפְרִידֶען מִיט דֶער פִיהרוּנג.

אַלְס אַיינְס וָועל אִיךְ דָאךְ בֵּייא דָעם שְׁווִינְגֶערפָאטֶער נִיט וָואהנֶען — הָאט זִיא זִיךְ גֶעקְלֶערְט — הַיינְט וָואס מַאכְט דָאס מִיר אוֹיס וִויא מִיא פִיהרְט זִיךְ דָא.

אוּנ אִין אַכְט טָאג אַרוּם אִיז זִיא וִוירְקְלִיךְ מִיט אִיהר מַאן פוּן שְׁוֶוערְס הוֹיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ אִין אַבֶּעזוּנְדֶערֶע דִירָה אַרַיין גֶעקְלִיבֶּען, אָבֶּער דָא הָאט זִיא אָנְגֶעהַייבֶּען צוּא פֶערְשְׁטֶעהְן אַז אִיהר מַאן אִיז דָעם שְׁוֶוערְס אַזָאהְן, דֶען עֶר הָאט אִיר אָנְגֶעהֵייבִּין אוֹיס צוּטְהֵיילִין אוֹיף דֶער הוֹצָאָה אַגֶעצֵיילְטִין גְרָאשֶׁען, אוּנ בַּייא יֶעדֶען גְרָאשֶׁען וָואס עֶר הָאט פוּן הַאנְד אַרוֹיסגֶעגֶעבִּין הָאט עֶר גֶעמַאכְט זֶעהֶער אַזוֹיעֶרֶע מִינֶע.

וָואס וַוייטֶער הָאט עֶר אַלְץ מֶעהְר אַרוֹיסגֶעוִויזֶען זַיין קַארְגְשַׁאפְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין אוֹיס צוּ רֵיידֶען דבורהן וָואס זִיא קָאכְט צוּא מִיטָאג אַשְׁטִיקֶעל פְלֵייש, פַאר וָואס זִיא הַאלְט

אַדִּינְסְט , אונ פַאר וָואס זִיא הַיסְט מַאכִין אַסַאמָאנַוַואר • עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ גֶעקוּמֶען דֶער צוּא אַז עֶר הָאט זִיא אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּא שֶׁעלְטֶען אונ צוּא זִידְלֶען פַאר יֶעדֶען גְרָאשֶׁען וָואס בֵּייא אִיהר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען •

דִיא עֶדְלֶע דבורה וָואס אִיז אִימֶער גֶעוָואהְנְט גֶעוָוארִין צוּא לֶעבִּין אִין רָאסְקָאשׁ הָאט יֶעצְט פַּאסְט הוּנְגֶער גֶעלִיטֶען • זִיא הָאט שׁוֹין גוּט גִיזֶעהן אַז זִיא אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלִין אִין אַטִיפֶען פִינְסְטֶערִין קֶבֶר , אָבֶּער זִיא הָאט זִיךְ גָאר נִיט גֶעקָאנְט הֶעלְפִין •

זִיא הָאט זִיךְ גֶעפְּרוּבְּט אוֹיף אִיהר מַאן וִוירְקֶען מִיט גוּטִין אוֹיךְ מִיט בֵּייזֶען אָבֶּער אִיר מִיהֶע וַואר אוּמְזָאנְסְט , זִיא הָאט פָּשׁוּט נִיט גֶעלֶעבְּט • בֵּייא יֶעדֶען בִּיסֶען וָואס זִיא פְּלֶעגְט אִין מוֹיל גֶעהמֶען הָאט זִיא אַלְץ גִיהֶערְט דִיא וֶוערְטֶער : דוּא וֶועסְט מִיךְ צוּא בֶּעטִיל בְּרוֹיט בְּרֵיינְגֶען , אִיךְ וֶועל צוּלִיבּ דִיר נָאךְ אַמָאל מוּזֶען מִיט אַטָארְבֶּע אִין דִיא הַייזֶער גֶעהן , דוּא בִּיזְט אַנֶעלְד פַּרְעסֶערִין , אַרוֹיצְחָטֶע אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּנ אוֹיף מִיר •

זִיא הָאט אוֹיךְ זֵיינֶע תְּנוּאוֹת נִיט גֶעקָאנְט עֶרְטְרָאגֶען • אָבְּוָואהל עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּא רוֹיכֶען הָאט עֶר דָאךְ קֵיין מָאל גֶעקוֹיפְט , אוּנ פְּלֶעגְט אַלְץ בֶּעטֶען בֵּייא פְרֶעמְדֶע מִיא זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט אַפַּאפִּירָאס • עֶר פְּלֶעגְט מַאנְכֶעס מָאל זָאגַאר אוֹיפְהֵייבִּין פוּן דֶער עֶרְד דָאס לֶעצְטֶע שְׁטִיקֶעל צִינַאר וָואס יֶעמַאנְד הָאט שׁוֹין אַרָאפּ גֶעוָוארְפִין אוֹיף דֶער עֶרְד • פוּן אַבֶּגֶד מַאכִין אִיז קֵיין רֶעדֶע גִיוֶועזְן , עֶר הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט נָאר נִיט גֶעמַאכְט אונ דבורהן בְּוַודַאי נִיט • עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט לֵיידֶען וֶוען זִיא הָאט אָנְגֶעטָאהְן אַשֵׁיין קְלֵייד • „אַגוּט קְלֵייד לָאזְט טֶען אִיבֶּער אוֹיף יוֹם טוֹב אָדֶער אוֹיף אַוִויזִיט מַאכִין“ פְּלֶעגְט עֶר שְׁרֵייעֶן , אָבֶּער אַזוֹי מָאג מֶען גֶעהֶען וִויא עֶס אִיז • דוּא בַּאדַארְפְסְט דָאךְ נִיט מֶעהר וִויא מִיר אַלֵיין גִיפֶעלֶען , אונ מִיר וֶועסְטוּ גִיפֶעלֶען וָואס דוּא וֶועסְט זִיךְ קְלֵיידֶען פְּרָאסְטֶער •

דבורה הָאט שָׁאן פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא וֶועט אַזַא נַאטוּר נִיט אִיבֶּער מַאכֶען , אונ הָאט שָׁאן יֶעצְט פוּן קֵיין אַנְדֶער

נאך געקערט אלס נור פון זיינע הענד בעפרייעט צו ווערן דיא האט ענדליך איהם דאס אפען מודה געוועזן אז זיא וויל פון איהם אנט. אונ ער האט איהר גאנץ קאלט גיענטפערט: חאטש דיא רגע בין איך גרייט דיר גט צו געבין אבער דוא זאלסט ביא מיר קיין געלד בעטען. אונ ארויס פון דעם אונטערשטענס הענד אהן געלד, איבערלאזען איהם איהרע זעכס טויזענד רובעל וואס איהר פאטער האט איהר איבער געלאזט. דאצו האט זיא גאר קיין חשק געהאט.

ב.

גוטע האפענונג

עס איז אין אלגעמיין זייער שווער דעם עדעלמאן צו זעהען דעם אויפפיהרונג פון דיא קארגע גראבע מענטשען וועלכע פערגינען זיך זעלבסט דאס לעבען ניט. אונ עס גייט זייא קיין פערגעניגען איין ווייל דאס קאסט געלד. גאר שרעקליך אונ-ערטראגליך איז דיא לאגע פון דער עדעלער פערזאן וועלכע פאלט אריין צו קארגע פראסטע מענטשען אין דיא הענד אריין, אונ זיא מוז זיך ענטזאגען פון יעדען קלענסטען פערגעניגען אויס פורכט פאר זייא.

אין אזא שרעקליכע אונערטראגליכע לאגע איז געשטאנען אונזער דבורה. אויסער דעם וואס זיא האט ניט געקאנט צוא זעהען דעם פיהרונג פון איהר מאן האט זיא נאך אליין פשוט געמוזט ליידען מאנגעל אונ נאטה אויס פורכט פאר איהם מיט זיינע עלטערן. זיא האט בעשטאנדיג גיהערט פון איהם אונ פון זייא זיסע ערקוויקענדע ווערטער, זייא האבען אלע געשריען אז זיא איז אפערשווענדערין אנעלד פרעסערין.

לערין זיך פון מיר — האט צו איהר דיא שוויגער געזאגט

אלס זיא פלעגט אמאהל קומען זיא בעזוכען — איך בין שאן ברוך השם אבעל הבית'טע פון דרייסיג יאהר, אונ איך בין שטאנדיג אוים געקומען אהן אדינסט. אליין פלעג איך וואשען דיא פאלען, שמירען דיא וועגד, אליין געקאכט געבאקט, געטראגען וואסער אונ אוים גענאסען דיא פאמוניצעס, אונ וועגען עסען האב איך קיין מאהל געקוקט, דען עססען האט אפנים אויך אווערטה, מיא באדארף עסען מיא זאל נאר דעם מאגען אנשטאפען, אונ אנשטאפען דעם מאגען קאן מען מיט וואס עס איז, מיט ברויט אונ קארטאפליעס אדער נאך אזעלכע מאכלים, אונ שיין גענוג, אלס איינס חלעבין וועלין אונז איבער הונדערט מיט צוואנציג יאהר עסען ווערים. זיינען מיר דען מחויב אנגרייטען פאר זייא אפעטען נוף.

אין פערלויף פון אהאלב יאהר איז דבורה אהאלבער מענטש געווארען, זיא פלעגט גאנצע טעג זיטצען אונ וויינען אויף איהר פינסטער מזל. ביא איהר איז געווען געבליבען אפלאן זיא זאל אוועק פאהרען צו דער מוטער. זיא האט זיך אבער געשעמט פאר איהרע בעקאנטע אונ פאר איהר פריינדינען געגען וועלכע זיא האט אימער שטאלצירט, אגב האט זיא דער מוטער קיין עגמת נפש געוואלט פערשאפען, זיא האט געוואוסט אז ווען איהר מוטער וועט ערפאהרען וויא מיאוס זיא איז איינגעפאלען וועט זיא דאס געוויס ניט ערטראגען.

דארום האט זיא איהרע צרות געשטיקט אין זיך, אונ פלעגט זיך וויינען פאר לייטען צופרידען אונ גליקליך.

ענדליך האט זיך אבער געמאכט אזא צופאל וואס האט זיא פון געדולד ארויס געבראכט אונ זיא האט זיך בעשלאסען אלע קרעפטע אנווענדען בעפרייט צו ווערין פון איהר הארמאקטער לאזען מאן, זיא האט איין מאהל ערהאלטען פון איהר מוטער חוח אבריף אז לאזאר פערל בערג איז צוריק געקומען נאך ליגאווע. אונ באלד וויא ער איז אראפ פון פאיעזד איז ער געקומען צו פליהען צו איהר אונ האט געפרעגט תאז איז דבורה, אונ אלס זיא

חָאט אִיהם עֶרְצֵיילְט אַז דבורה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט עֶר שִׁיעוּר קַיין אַפָּאפְּלֶעקְסִיָע בֶּעקוּמֶען , עֶר הָאט פַּאסְט אוֹיס פֶערְצְוַויפְלוּנְג זִיךְ גֶעוָואלְט דֶעם טוֹיט מַאכֶען . חוה הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט וְויא בַּאלְד עֶר אִיז גִיוֶועֶן אַזוֹי פֶערְלִיבְּט אִין אִיהר טָאכְטֶער וָוארוּם הָאט עֶר אִיהר אַזַא צַייט קַיין בְּרִיף גֶעשְׁרִיבֶּען , אוּנ עֶר הָאט אִיהר עֶרְצֵיילְט אַז אִיהם הָאט זִיךְ אַיין אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען , עֶר הָאט אַפּוּס צוּ בְּרָאכֶען אִין דֶעם שְׁטֶעדְטִיל אקערמאן , אוּנ עֶר הָאט דָארְט אָבְּגֶעקְרֵיינְקְט דְרַייא פִּירְטֶעל יָאהר בִּיז עֶר אִיז פָאלְקָאמֶען גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען . אוּנ דַארוּם הָאט עֶר דִיא גַאנְצֶע צַייט נִיט גִיקָאנְט שְׁרַייבֶּען .

דִיא נַאכְרִיכְט הָאט דבורהן שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמֶערְצֶען פֶערְשַׁאפְט , זִיא הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעזֶעהֶען אַז אִיהר לאזאר אִיז אִיהר מַאקֶע גֶעטְרַייא גִיוֶועֶן , אוּנ נָאר שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען אִיהם פַאלְשׁ בֶּעשׁוּלְדִיגְט מִיט דֶער אַבְּזִיכְט אִיהר פַייעֶרִיגֶע לִיבֶּע צוּ אִיהם אַיין צוּ לֶעשֶׁען . זִיא הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז וֶוען זִיא זָאל יֶעצְט זַיין פְרַייא וָואלְט לאזאר מִיט אִיהר בַּאלְד גֶעהֵיירַאטְהֶעט אוּנ זִיא וָואלְט נָאךְ גִיקָאנְט דִיא גְלִיקְלִיכְסְטֶע אִין דֶער וֶועלְט זַיין .

בַּייא אִיהר שָׁאן גִיוֶוען גֶעבְּלִיבֶּען זִיא זָאל גֶעהמֶען בַּייא אִיהר האצקעלען גֶט חָאטְשׁ אָהן גֶעלְט . זִיא הָאט זִיךְ אָבֶּער עֶנְדְלִיךְ בַּארֶעכֶנְט אַז זִיא טָאהר דָאס נִיט טָאהן , דֶען לאזאר מוז גֶעוִויס נָאךְ אַזַא אוּנְגְלִיק זַיין זֵייעֶר אָרֶעם . אוּנ אַז זִיא וֶועט אוֹיךְ צוּ אִיהם אָנְקוּמֶען אָהן גֶעלְד וֶועלֶין זַייא דָאךְ בֵּיידֶע אוּנ-גְלִיקְלִיךְ זַיין .

אוּנ דָאךְ הָאט זִיא יֶעצְט פְרַייעֶר גֶעאַטְהֶמֶעט ׳ זִיא הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ הָאפֶען אוֹיף גוּטֶע צַייטֶען חָאטְשׁ זִיא הָאט נָאךְ נִיט אַרוֹיס גֶעזֶעהֶען פוּן וַואנֶען אִיהר רֶעטוּנְג וֶועט דָא קוּמֶען .

זִיא הָאט בַּאלְד אַוֶועק גֶעשְׁרִיבֶּען אַבְּרִיף צוּ לאזאראן , אִין וֶועלְכֶען זִיא הָאט אִיהם בֶּעשְׁרִיבֶּען דִיא אוּרְזַאכֶע פוּן דֶעם וָואס זִיא הָאט גֶעהֵייראטְהֶעט מִיט אַנ׳אַנְדֶערִין , זִיא הָאט אִיהם אוֹיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אִיהר בִּיטֶערֶע לַאגֶע , אוּנ הָאט אִיהם אָפֶען

גֶעפְּרֶעגְט צוּ וָועט עֶר אִיהר פָּערְצַייהֶען אוֹיף דָעם וָואס זִיא הָאט אִיהם אַזוֹי בֶּעהַאנְדֶעלְט · אוּנ אוֹיבּ עֶר וָועט זִיא הַיירַאטֶען וָוען זִיא וָועט בֶּעפְרַייט יוֹערֶין פוּן אִיהר מַאנְס הֶענְד ·

זִיא הָאט עֶרְהַאלְטֶען בַּאלְד אַיין אַנְטְוָוארְט פוּן לאזאראן · אַז עֶר לִיבְּט זִיא נָאךְ יֶעצְט אוֹיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק וִויא פְרִיהֶער · אוּנ וָוען אִיהר וָועט גֶעלוּנְגֶען בֶּעפְרַייט צוּא וָוערִין פוּן אִיהר תַּארַאקְטֶערְלָאזֶען מַאן וָועלְכֶער בֶּעהַאנְדֶעלט זִיא אַזוֹי אוּנְמֶענְטְשְׁלִיךְ וָועט עֶר (לאזאר) זִיךְ פַאר דָעם גְלִיקְלִיכְסְטֶען אוּנְטֶער דָעם הִימֶעל רֶעכֶענֶען דַאטִיט וָואס עֶר וָועט תָאטְשׁ קָאנֶען הָאפֶען אַז זַיינֶע לִיבֶּע מַהייעֶרֶע דבורוניא וָועט זַיין וִוירְקְלִיךְ זַיינֶע ·

ג.

אַבֵיינְגֶעחַאפְּט ·

מִיךְ הָאט דָאס אַבִּיסֶעל גָאט גֶעשְׁטְרָאפְט — הָאט חאצקעל אַיינְמָאהל גֶעשְׁרִיעֶן קוֹמֶענְדִיג פוּן דָער נָאס אַהַיים — אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט גִיוֶוען בַּייא מרדכי נעלזוכט אִין קְרָאם הָאבּ אִיךְ נָאר גֶעקוּקְט אוּנ הָאבּ אִיהם מְקַנֵא גִיוֶוען, עֶר לִיגְט זִיךְ וִויא אַשְׁרֶרָה אוֹיפֶען קַאנַאפֶּע, אוּנ זַיין וַוייבּ אַרְבַּייט וִויא אַיין אֵייזֶעל טָאג אוּנ נַאכְט לוֹיפְט זִיא אַרוּם דָא קוֹיפֶען סְחוֹרָה, דָא פַאר קוֹיפֶען דָא לַייעֶן אַנְמִילוּת חֶסֶד, אוּנ דָא עֶנְטְפֶערֶען אַבַּעַל חוֹב · אוּנ מַיין וַוייבּ אִיז אַגַאנְצֶע פְּרִיצָה זִיא וִויל נָאר זִיצֶען אִין שְׁטוּבּ וִויא אַגְרֶעפִינְיֶע אוּנ אוֹיף עֶסֶען דָעם גְרַייטֶען רִיבֶּעל · וַוייא אִיז מִיר וָואס קָען זַיין דָער סוֹף פוּן אַזַא לֶעבִּין, עֶס אִיז נָאךְ הָלֶעבִּין אַגְלִיק וָואס אִיךְ כֶּערְדִין פוּן פְּרָאצֶיזְנְט עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל אַוָואךְ וָוען נִיט וָואלְטֶען מִיר דָאךְ בַּאדַארְפְט מַאקֶע שָׁאן אֶנְגֶרייטֶען מָארְקְעס אוֹיף אַרוּם גֵיין אִין דִיא הַייזֶער ·

דיא וָוערְטֶער וָועלְכֶע חאצקעל הָאט גֶעשְׁרִיעֶן מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכֶען בַּעס הָאבֶּען דבורהן גָאר אֻנְגֶערְוַוארְטֶעט וְויא אַלִיכְטְשְׁטְרַאהל אַרַיין גֶעוָוארְפֶען אִין קָאפּ אַרַיין אונ אִיהר אִיז אַיינְגֶעפַאלֶען אַפְּלַאן דורְך וָועלְכֶען עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ זיא זָאל גִירֶעטֶעט וָוערִין ·

זיא הָאט גֶעמַאכְט אַפְרֵיינְדְלִיכֶע מִינֶע אונ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט ׃ זָאג מִיר גָאר מַיין לֶעבִּין וָואס גְרִיזְשְׁעסְט דוא זִיךְ אַזוי ? אִיז דֶען דַיין גֶעזוּנְד נִיט טַהייֶערֶער פוּן אוּנְזֶער גַאנְץ גֶעלְד ·

אַזוי ? – הָאט חאצקעל מִים הַארְץ גִירֶערְט — בַּייא דִיר אִיז טַהייֶער מַיין גֶעזוּנְד ? נֵיין ! אִיךְ גְלוֹיבּ דִיר נִיט · דָאס אִיז אַלִינֶען וָוען דָאס זָאל זַיין אֶמֶת וָואלְסְטוּ פָאן מִיר נִיט אָבְּגֶענוּמֶען אַלֶע טָאג שְׁטִיקֶער גֶעזוּנְד ·

וָואס טוּה אִיךְ דִיר מַיין חאטצקוניא ·

וָואס דוא טוּהסְט מִיר ? דוא פְרֶעגְסְט נָאךְ ? וָואס קְטַאטְשׁ דָאס אִיז בַּייא דִיר וַויינִיג וָואס דוא שְׁטֶעלְסְט מִיךְ בְּבַלוּת ·

נוּא זָאג אַלֵיין מַיין נְשָׁמָה מִיט וָואס שְׁטֶעל אִיךְ דִיךְ בְּבַלוּת , אִיךְ גִיבּ דֶען אוֹיס אוֹיף זִיךְ אִיבֶּערִיגֶע גֶעלְד אוֹיף קְלֵיידֶער אָדֶער אוֹיף אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקַייט וְויא לַייטִישֶׁע וַוייבֶּער טוּהֶען ? אָדֶער דוא זֶעהסְט מִיךְ טְרִינְקֶען וַויין . אונ פֶערְשְׁוֶוענְדֶען גֶעלְד אוֹיף פּוּסְטֶע זַאכֶען ?

אַזוי ? דוא הָאסְט נָאךְ גֶעוָואלְט אֶפְשָׁר זִיךְ מַאכֶען נַייֶע קְלֵיידֶער אונ טְרִינְקֶען וַויין ? אונ אַז דוא פֶערְשְׁוֶוענְדֶעסְט גֶעלְד אַזוי אוֹיף נַארִישְׁקַייט אִיז נוּט . זָאג מִיר אִיךְ בֶּעט דִיךְ וואו שְׁטֶעהט דָאס דֶער דִין אַז מִיא מוּז אַלֶע טָאג עֶסֶען פְרִישׁ בְּרוֹיט . אונ אַז מִיא עֶסְט הַאלְבְּגֶעבַּאקֶען בְּרוֹיט שְׁטַארְבְּט מַאן ? אָדֶער וואו שְׁטֶעהט דָאס אַז מִיא מוּז עֶסֶען צְווַייא מָאל אִין טָאג חָלֶעבִּין פוּן אַיין מָאהל אִין טָאג קָאן מַאן אוֹיךְ נִיט שְׁטַארְבֶּען ·

אִיךְ בִּין אָבִּער דֶערְצוּ נִיט גֶעוואוּהְנְט גֶעוואָרִין בַּייא מַיין סע הָאט מִיר נִיט גִיפֶּעלְט פוּן פֵיינֶעל מִילְךְ , אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט

נוא וָוער זְשֶׁע לָאזְט דִיךְ נִיט גָעהן צוּרִיק צוּ דַיין מַאמֶע ! דוּא וָועסְט זָעהֶען אוֹיבּ אִיךְ וָועל דִיךְ נִיט לָאזֶען צוּ אִיהר פָּארִין וָועסְט דוּא דַאמָאלְס רֵיידֶען . אוּנ אֶפְּשָׁר הָאסְטוּ זִיךְ טַאקִי אַרוּנ גֶעזָעהֶען אַז אוּנְזָער שִׁידוּךְ אִיז גִיוָוען קְרִים פוּן אָנְהֵייבּ אָן , וָועי אִיךְ דִיר צוּלִיעבּ טָאהן אוּנ וָועל דִיר חָאטְשׁ בַּאלְד גֶעבֶּען דִיא צְוָועלְף שוּרוֹת אוּנ מִיר וָועלְין זַיין אוּיס חַבֶר .

דָאס מַיין לֶעבֶּען רֶעדְסְט דוּא נַארִישְׁקַייט , דוּא וֵוייסְט נַאנְץ גוּט אַז אָהן דִיר וָועל אִיךְ אֲפִילוּ אַיין טָאג נִיט קָאנֶען לֶעבֶּען , דוּא וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ פִּיעל לִיעבֶּער אַלְס זִיךְ זֶעלְבְּסְט אוּנ אִיךְ וָועל מִיךְ פוּן דִיר קֵיין מָאהל נִיט שֵׁיידֶען .

נוא אוֹיבּ אַזוֹי פַאר וָואס זְשֶׁע פֶערְצָאפְּסְט דוּא מִיר אַזוֹי מַיין בְּלוּט ?

אַז אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נָאר נִיט וָואס דוּא וִוילְסְט — הָאסְט זִיא מִיט אַנְ'עֶרִינְסְט פָּנִים גִיעֶנְטְפֶערְט — זָאג מַיין קֶעטְצֶעלֶע וָואס פֶערְלַאנְגְסְט דוּא .

אִיךְ פֶערְלַאנְג דוּא זָאלְסְט מִיר זַיין אַזָא וַוייבּ וִויא אַלֶע וַוייבֶּער , ד.א זָאלְסְט אַרְבַּייטֶען אִינ פֶערְדִינֶען גֶעלְד .

נוא אַדְרַבָּא זָאג וִויא אַזוֹי זָאל אִיךְ פֶערְדִינֶען ?

וִויא אַזוֹי ? אָט הָאסְט דוּא דִיר אַשְׁאֵלָה , וִויא אַזוֹי פֶערְדִינְט חאסיע מרדכי געלזיכטס וַוייבּ גֶעלְד ? זִיא אִיז אַקְרֶעמֶערִין אַרְבַּייט זִיא אוּנ פֶערְדִינְט

נוא וִוילְסְטוּ אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַאכֶען אַקְרָאם .

פַאר וָואס זָאל אִיךְ נִיט וָועלִין ? וָואס דֶען דָאס אִיז אַפְּלַאן פֶערְלַייהֶען גֶעלְד אוֹיף פְּרָאצֶענְט אוּנ פֶערְדִינֶען סַךְ הַכֹּל פוּפְצִיג רוּבֶּעל אַחוֹדֶשׁ , פֶערְגֶעס נִיט אַז מִיר זַיינֶען בַּעֲלֵי הוֹצָאוֹת אוּנְ צְוַואנְצִיג קַארְבֶּען אַחוֹדֶשׁ , בְּלַייבְּט אוּנְז מֶעהר נִיט אִיבֶּער וִויא דְרַייסִיג רוּבֶּעל פֶערְדִינְסְט אַמָאנְהַייט אוּנ פוּן אַקְרָאם קָאן זַיין הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל אַוָואךְ פֶערְדִינְסְט .

נוא וואס פאר אקראם ווילסטו איך זאל מאכען ?

איך וויים דען . מיא באדארף זיך מישב זיין , אונ עס ווענדט זיך אן דיר צו דוא וועסט וועלין ארבייטען אזוי וויא חאסיע געלזיכט .

וועגען מיר איז קיין רעדע ניט , איך וועל געוויס מיין טרחת ניט זשאלעווען , איך וועל ארבייטען טאג אונ נאכט , אבער וואס פאר אקראם זאלען מיר מאכען .

זאג דוא דיין עצה , עפעס איז דאך דיין מאמע אויך אסוחר־טע , דארפסטו דאך וויסען וואס פאר אגעשעפט עס איז בעסער .

ווען דוא זאלסט מיך וועלין פאלגען וואלטען מיר גענומען אמאניפאקטור קראם , ווייל אין דעם בין איך זעהער געניט , מיין טאטע איז בעשטענדיג געוועזן אקאמיסיאנער פון מאניפאקטור סחורות , אונ מיין מאמע איז אויך דאס זעלבע .

דיא ווילסט אמאניפאקטור קראם זאל זיין אזוי אבי דוא זאלסט ארבייטען .

האב איך דאך דיר שוין געזאגט אז פון מיין זייט איז קיין מניעה ניט , נוא דוא קאנסט חאטש מארגען פארען נאך ווארשויא אונ קויפין סחורה אונ איך וועל ווערין אקרעמערין אין אגוטער מזלדיגער שעה .

איך זאל פאהרען נאך מאניפאקטור סחורה ? דוא ווייסט דען ניט אז איך בין אין דעם קיין מבין ניט ; אויב עס בלייבט יא מיר זאלין מאכען דעם געשעפט מוזט דוא אליין פאהרין נאך סחורה ווייל דוא ביזט שוין אין דעם בעקאנט .

איך זאל פאהרען ? ניין דאס וועל איך בשום אופן ניט טאהן .

וואס הייסט דוא וועסט דאס ניט טאהן ? פאר וואס ?

דערפאר וואס איך וויל מיך צו דעם געלד ניט צוריהרען .

פֿאטער װעל איך אויף אַסחורה עֶפּעס איבערצאהלען װעל איך באַדאַרפֿען פֿון שטאדט אַנטלויפֿען.

װעקסטו זעהען דוא זאלסט ניט איבערצאהלען, דוא װעסט בעטען דיין פֿאטע זיא זאל דיר אין דעם בעהילפֿיג זיין, זיא איז דאך שוין אין דעם געשעפֿט געניט װעט זיא זעהן פֿיא זאל דיך ניט אָבנאַרען אונ דוא זאלסט קויפֿען ביליג.

אליין װעל איך ניט פֿאהרען, לאָמיר ביידע פֿאהרען.

ביידע פֿאהרען? עס זאל קאסטען דאפּעלט הוצאות? נוא בין איך ניט גירעכט װאס איך זאג אַז בייא דיר איז אַרופּעל אַסמוֹר?

אונ איך זאג דיר נאך אַמאהל אַז אַליין װעל איך ניט פֿאהרען, װען איך זאל אֲפילו װיסען גליקליך צו װערין, איך װיל ניט נעהמען אויף זיך אַזא שװערע זאך קויפֿין סחורה אָהן דיר דוא זאלסט נאכדעם האבען צו מיר פּראטענזיעס.

איך זאג דיר אָבער צוא אַז איך װעל צוא דיר קיין פּרא-טענזיעס ניט האבען, װייל איך װייס אַז דוא ביסט דיין פֿאטע אינ-איינעם װעט איהר קויפֿין סחורה ביליג. אונ אַז דיין פֿאטע זאל נאך װעלין קאן זיא אונז מאכען אַשיינעם קרעדיט אויך.

װעגען דעם איז קיין רעדע, מיין פֿאטע װעט מיר שוין מאכען אַקרעדיט האטש אויף צעהן טויזענד רובעל, אָבער איך האב מורא צו זאטשעפּען זיך מיט דיר. װאס איך װעל קויפֿען װעט דיר ניט גיפֿעלען.

איך שװער דיר אָבער אַז איך װעל דיר אֲפילו איין שלעכט װארט ניט זאגען.

דבורה האט זיך שיינע עבליבע טעג געלאזט שטארק בעטין. אונ האט געמאכט אַזא מינע װיא זיא װיל ניט פֿאהרען, אונ

(אשנעל אין נאז) װאס

וָואס מֶעהר. זיא הָאט זיך אַיינגֶעשְׁפַּארט אויף נִיט הָאט זיך חאצקעל מֶעהר אַיינגֶעשְׁפַּארְט אויף יַא, עס אִיז גִיוָועזְן אַהִיבְּשֶׁע מִלְחָמָה בִּיז זִיא הָאט זיך גֶעלָאזְט אַיינְרֵיידֶען און הָאט מַסְכִּים גִיוָועזְן צוּא זַיין ווילֶען זִיא זָאל יַא פָאהרֶען׃

זֵייא הָאבֶּען בַּאלְד גֶעדוּנְגֶען אַקְרָאם, און חאצקעל הָאט מִיט צִיטֶערִינְדֶע הֶענְד אִיהר אָבְּגֶעגֶעבֶּען דִיא גַאנְצֶע צֶעהן טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל קַאפִּיטַאל וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט און הָאט זִיא אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט נָאךְ ווארשויא.

נָעהֶער פְרֵיינְדְלִיךְ הָאט זִיא זִיךְ מִיט אִיהם גֶעזֶעגֶענְט. עֶר הָאט אִיהר גִילֶערִינְט וויא זִיא זָאל זִיךְ בֶּעגֶעהן אִין וֶועג אוּם בֵּייא אִיהר זָאל אַיין קָאפִּיקֶע נִיט אַוֶועקְגֶעהן, און זִיא הָאט אִיהם פֶערְשְׁפְּרָאכֶען אַז זִיא וֶועט טָאהן פּוּנְקְט וויא עֶר הַייסְט אִיהר.

נוּא יֶעצְט מַיין גָאלְד וֶועל אִיךְ דִיר שוין וַייזֶען וֶוער אִיךְ בִּין! — הָאט דבורה גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין אַלְס דֶער פָּאיֶעזְד הָאט זִיא אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען פון נוללראק נָאךְ ווילנא.

ד.

אַשְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרָה.

שְׁטַארְק אוּנְרוּהִיג אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען חאצקעל אִיבֶּער זַיין צִימֶער הִין און צוּרִיק.

(אשנעל אין גָאוְ) שׁ

ער האט געמאנט אונרוהיג זיין דען דרייא וואכען זיינע שוין איבערגעלאפין פון דער צייט וואס דבורה איז אוועקגעפאהרין נאך מחורה אונ פון איהר איז נאך ניט איין בריעף גיוועזען, דער קאפף האט זיך איהם פשוט געשפאלטען אין צווייען אלס ער היט איבער געקלערט פיעלייכט האט איהר אן׳אונגליק גע-טראפען אונ זיא האט ביי איהר דאס געלד. זיין גאנץ קאפיטאל ארויסגענומען. ער האט זיך דערמאהנט דיא מעשיות וואס מיא האט איהם ערצעהלט פון דיא גנבים וואס פאהרען ארום איבער דיא באהנען אונ גנבענען פון דיא פאסאזירען זייער געלד ארויס. דרייא וואכען האט ער פון איהר קיין בריעף געהאט! דאס איז הימעלשרייענד, זיא האט דאך איהם פערשפראכען אז דיא מינוט וואס זיא וועט קומען נאך לינאווע וועט זיא איהם שרייבען פון איהר קומען, אונ נאכהער וועט זיא איהם בענאכריכטען פון דיא סחורות וואס זיא האט איינגעקויפט אין לינאווע אונ פון איהר ארויספאהרין נאך ווארשויא.

ער האט שוין אין דיא דרייא וואכען זעכס אטקריטקעס (אפפענע בריף) געשיקט צוא דבורהן ער האט אויף זייא אויס-געגעבין אכטצעהן קוזמענע קאפיקען, אין יעדער אטקריטקע האט ער זיא גיבעטין רחמים זיא זאל אים דיא מינוט דיא רגע שרייבען וואס עס הערט זיך, אבער קיין אנטווארט איז אלץ ניטא. נוא איז דאס מעגליך דאס זאל זיין פשוט, דארף מען נאך צווייפלען אז דא מוז עפעס זעהער אוויכטיגע אורזאכע זיין.

ער האט זיך שוין פון אכט טאג ארויסגעקליבען צו פאהרין נאך לינאווע אליין זעהען מיט זיינע אויגין וואס דארט איז גישעהען ער האט אבער געזשאלעוועט דיא הוצאות אונ האט געקלערט יעדען טאג אז היינט מוז זיין אין אנטווארט, אונ אזוא זיינען זיך איבער געלאפען אכט טאג אין צרות אונ אין יסורים אהנע דאס ער האט פון איהר עטוואס געהערט.

דיא מיטהר פון זיין צימער האט זיך אויפגעעפינט אונ זיין פאטער איז אריין געקומען.

נוט וואס דוא ביזט געקומען טאטע – האט ער מיט אפערצווייפעלטע מינע געזאגט – איך האב שוין נאר וואס געוואלט לויפען צוא דיר.

וועגען וואס? — האט דער אלטער גיפרעגט.

טאטע איך וועל פון מוח אראפ, איך וועל משוגע ווערין – האט האצקעל געשריגען – גוואלד וואס קאן דאס זיין וואס איך האב פון דבורהן קיין שום ידיעה ניט.

וועגען דעם בין איך טאקי אצונד צוא דיר געקומען — האט דער פאטער גיענטפערט.

וואס? דוא האסט אפשר עפעס גיהערט פון דבורהן? — האט האצקעל אנגעשריא געטאן אונ האט אויסגעגלאצט אפאר אויגען אי״ה זיין פאטער.

ערצעהל מיר פריהער האצקעל וויא אזוא איז דיין דבורה אוועק געפאהרען?

וואס הייסט וויא אזוא? זיא איז געפאהרין מיט דעם באהן; דאס ווייס איך, נאר זאג מיר וויא איז זיא אוועק געפארין פון דיר, צוא איז זיא גיוועזען מיט דיר שלום אדער זיא האט זיך מיט דיר געקריגט.

זיא איז גיוועזען מיט מיר שלום — האט האצקעל גיענטפערט — זיא האט זיך אפילו מיט מיר געקושט פאר איהר אוועק פאהרין.

נוא אונ פריהער האסטו זיך מיט איר ניט געקריגט? זאל נאט היטען ווער האט זיך מיט איהר געקריגט. נאר זאג מיר טאטע אנטקעגין וואס פרעגסטו דאס מיר, דוא האסט עפעס גיהערט אפשר פון דבורהן.

יא איך האב גיהערט.

נוא? וואס האסטו גיהערט?

מיא האט מיר ערצעהלט אז מיא האט זיא געזעהען אין ווארשא.

זיא איז שוין אין ווארשא?

יא מיט האט זיא דארט געזעהען מיט צוויא טעג פריהער.

ווער האט זיא געזעהען?

שמשון ברוקווע איז היינט געקומען פון ווארשא האט ער מיר ערצעהלט אז ער האט זיך באגעגענט מיט דיין דבורהן אין טריאטער.

אין טהעאטער — האט חאצקעל צארניג אגעשריא געטאן — זיא געחט אין טהעאטער.

נאך וואס פאר אנאנג. שמשון האט מיר דערציילט אז זיא איז דארט געזעסען אויף דיא ערשטע פלעטצער עפעס מיט נאך איונגען מאן.

דאס איז שרעקליך! — האט חאצקעל אויסער זיך פאר כעס אנגעשריא געטאהן — אויב דאס איז אמת דארף מען שרייען פשוט שמע ישראל. נוא וואס נאך האט דיר שמשון דערצעהלט, זיא האט דארט איינגעקויפט עפעס סחורה?

וואס סחורה ווער סחורה. שמשון זאגט אז זיא שטעהט עפעס איין אין אגרויסן האטעל אונ לעבט וויא אגראפיניע, ביא איהר איז אלע טאג גאנצע חתונות, מיא מאכט דארט סעודת פורים טאקי גאר אויף דעם גרויסען אופן.

חאצקעל איז בלאס געווארין וויא דער טויט אלס ער האט דיא זיסע נאכריכט ערהערט, יעצט ערשט האט ער אנגעהייבין צוא פארשטעהן אז זיין פלוניתטע האט איהם געפיהרט אין הדר אונ האט מיט אים גילערינט בלק אויפין שיינעם שטיינער.

טאטוניא ראטעווע מיך! — האט ער וויינענד אגעשריא געטאהן פאלענד דעם פאטער אום דעם האלז — זיא וועט מיך בדלות שטעלין.

פון וויינען וועסטו ניט נעהאלפין ווערין — האט דער פאטער גיענטפערט — דוא נעהם נאך היינט אונ פאהר אוועק אין ווארשא, עס קאן נאר זיין אז דיא גאנצע מעשה איז אלינען, דוא ווייסט דאך אז שמשון איז אונז ניט קיין נוטער פריינד, ער האט דאס געמוזט אומטיכטען אויסקלערין כדי מיר זאלין האבין עגמת נפש. אונ אויב דאס איז אמת אז זיא איז טאקי גיוועזען אין טריאטער, קאן זיין אז אבאקאנטע האט האט זיא מיטגענומען אהין אויף זיינע הוצאות; אונ אפשר האט זיא מיט גענומען דער סוחר בייא דעם וואס זיא האט געקויפט סחורה. נור וויא דיא מעשה איז דוא מוזט היינט פאהרין אין ווארשא. עס איז אפילו אשאדען געלד דאס וועט קאסטין הין אונ צוריק געוויסע פופצעהן רובעל נאר וואס קאן מען העלפין.

אונ האצקעל האט זיך מיט אצוברעכען הארץ נאך אין יענעם טאג געזעצט אין וואגאן אונ איז אוועק געפאהרין נאך ווארשויא.

ה.

דיא בעפרייטע פייגעלע.

דבורה האט יעצט אין דיא דרייא וואכען וואס זיא איז אוועק געפאהרין פון דערהיים, גאר איין אנדער פנים בעקומען, זיא האט ערשט אנגעהייבין פרייא צו אטהמען, אונ זיא האט זיך געפיהלט פונקט וויא זיא זאל פון איין ענגען אסטראג ארויס געהן, קומענדיג נאך לינאווע האט זיא שוין דער מוטער ריכטיג ערצעהלט פון איר טהייערין מאן וואס פאר אטיראן ער איז וויא פאר איין קאפיקע איז ער פארטיג צוא פארקויפין ניט נאר איר זיין ווייב אפילו זיין איינענע נשמה. דיא מוטער איז אויסער

זיך גֶעוָוארִין פון דָער עֶרְצֶעהלוּנג און זִיא הָאט דבורהן גוט אויסגֶעזִידֶעלְט. דָער פַאר וָואס זִיא אִיז בַּאלְד צוּרִיק צוּא אִיהר נִיט גֶעקוּמֶען, נָאר אַלְס דבורה הָאט אִיהר עֶרְצֶעהלְט וָואס זִיא הָאט גֶעטָאהן וִויא אַזוֹא זִיא הָאט גֶעמוּזְט אִיהר רָאלְיֶע שְׁפִּילֶען אַבִּי פוּן זַיינֶע הֶענְד דָאס גֶעלְד אַרוֹיס צוּא בֶּעקוּמֶען הָאט דִיא מוּטֶער שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא הָאט גֶעטָאהן גוּט און קְלוּג.

זַייא הָאבִּין זִיךְ אָנְגֶעהֵייבִּין מְיַשֵׁב צוּא זַיין וָואס זַייא זָאלִין עֶרְשְׁט טָאן. דִיא מוּטֶער הָאט אִיהר גֶעבֶּאטְהֶען זִיא זָאל חאצקלען זַיין גֶעלְד אָבְּשִׁיקֶען און זִיא זָאל מִיט אִיהר גֶעלְד בְּלַייבִּין בַּייא אִיהר. דבורה הָאט דָאס אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט. אִיךְ טָאר אִים צוּרִיק אַיין קָאפִּיקֶע נִיט גֶעבִּין — הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט— דֶען עֶר וֶועט וֶועלִין נַאכְהֶער אִיךְ זָאל אִים מַיין גֶעלְד אוֹיךְ אָבְּ-גֶעבִּין און אִיךְ וֶועל דָאס מוּזֶען טָאן אַבִּי אַנְטְ פוּן אִיהם אַרוֹיס קְרִיגֶען.

און וָואס וֶועסְטוּ טָאן אַז עֶר וֶועט דִיר אִיצְט קַיין גֶעט וֶועלִין גֶעבִּין בִּיז דוּא וֶועסְט אִיהם דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד נִיט אָבְּגֶעבֶּען?

וָואס אִיךְ וֶועל טָאן? — הָאט דבורה לַאכֶענְד גִיעֶנְטְפֶערְט— יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין וִויסֶען וָואס צוּא טָאן, אִיךְ וֶועל אַזוֹא מַאכִין אַז עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן גְוַואלְד עֶר וֶועט מִיר גֶעבִּין גֶט אַבִּי אִיךְ זָאל אִים הָאטְשׁ זַיין גֶעלְד אָבְּגֶעבִּין.

וִויא אַזוֹא וֶועסְטוּ דָאס מַאכֶען?

דָאס וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער זֶעהֶען, נוּר דַאצוּ מוּז אִיךְ זִיצֶען אִין אַפְּגֶעזֶעמְדֶער שְׁטָאדט נִיט בַּייא דִיר אִין הוֹיז. אִיךְ וֶועל רָא בַּייא דִיר פַארְבְּרֵיינְגֶען נוּר אֵיינִיגֶע טֶעג נַאכְהֶער וֶועל אִיךְ פָאהרֶען נָאךְ ווארשויא.

מוּזְ וִויא דוּא פֶערְשְׁטֶעהסְט מַיין טָאכְטֶער — הָאט דִיא

מוּטֶער גִיעֶנְטְפֶערְט — אַבִּי רֶעטֶע זִיךְ אַרוֹיס פוּן דַיְנֶע מֶערְדֶערִישֶׁע הֶענְד •

אוֹיךְ מִיט לאזאר פערללבערג הָאט זִיא זִיךְ גִיזֶעהֶען ; אוּנ מִיט וָואס פַאר אַלִיבֶּע אוּנ פְרֵיידֶע זַייא הָאבִּין זִיךְ בַּאגֶעגְנֶעט דָאס אִיז קַיין פֶעדֶער אִין שְׁטַאנְד פָארְצוּשְׁטֶעלֶען • דבורה הָאט זִיךְ טַאקִי יֶעצְט ווירְקְלִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט אַז עֶר לִיבְּט זִיא גֶעטְרַייא מִיט דֶעם גַאנְצֶען פַייעֶר פוּן דֶער וַואהְרֶער לִיבֶּע • עֶר הָאט אִיר עֶרְצֶעהלְט פוּן זַיין אוּנְגְלִיק אִין וָואס פַאר אַבִּיטֶערֶער לַאגֶע עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אִין דֶער שְׁטָאדט אקערמאן לִיגֶענְדִיג מִיט אַצוּבְּרָאכֶענֶער פוּס , אוּנ וִויא אִין זַיין גַאנְצֶער קְרַיינְק הָאט עֶר נוּר וֶוענֶען אִיהר גֶעדֶענְקְט , עֶר הָאט אִיהר נִיט גֶעוָואלְט שְׁרַייבִּין פוּן זַיין אוּנְגְלִיק אוּם זִיא זָאל קֵיינֶע שְׁמֶערְצֶען הָאבֶּען • אוּנ בַּאלְד וִויא עֶר אִיז גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען אִיז עֶר גִיפְלוֹיגֶען צוּ אִיהר מִיט דֶער הָאפְנוּנְג אַז גֶעבֶּען אִיהר וֶועט עֶר אָן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת פֶערְגֶעסֶען אַז פַאר דִיא יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטֶען וֶועט זִיא מִיט אִיהר לִיבֶּע אִיהם דָאס לֶעבֶּען פֶערְזִיסֶען • „הַיינְט שְׁטֶעל זִיךְ פָאר מַיין שְׁרֶעק" הָאט עֶר זַיין עֶרְצֵיילוּנְג גִיעֶנְדִיגְט , שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִויא מִיר אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיפִין הֶערְצֶען אַלְס קֶומֶענְדִיג אַהֶער הָאבּ אִיךְ עֶרְפַאהְרֶען אַז מַיין נְשָׁמָה בֶּעלֶעבְּט גָאר אַיין אַנְדֶערֶען , אוּנ אִיךְ הָאבּ שָׁאן קַיין הָאפְנוּנְג אוֹיף גְלִיק • דֶען אָהן דִיר בִּין אִיךְ ווירְקְלִיךְ וִויא אַקֶערְפֶּער אָהן אַזֶעלֶע • אִיךְ וָואלְט גֶעוִויס צוּ מַיין פִינְסְטֶער לֶעבֶּען אַיין עֶנְדֶע גֶעמַאכְט • נוּר דַיין בְּרִיף אִין וֶועלְכֶען דוּא הָאסְט מִיר בֶּעשְׁרִיבֶּען דִיא לַאגֶע אוּנ דוּא הָאסְט מִיר גִיגֶעבֶּען הָאפְנוּנְג אַז דוּא וֶועסְט נָאךְ זַיין מַיינֶע , דֶער בְּרִיף הָאט מִיךְ בַּייא מַיין לֶעבֶּען עֶרְהַאלְטֶען :

דוּא מוּזְט לֶעבֶּען — הָאט דבורה גִיעֶנְטְפֶערְט — דֶען אִיךְ וֶועל אַלֶע מַיינֶע קְרֶעפְטֶע אָנְוֶוענְדֶען דִיא אַייזֶערְנֶע וַואנְד צוּא בְּרֶעכֶען וֶועלְכֶע צוּ שֵׁיידֶעט אוּנְז , אִיךְ וֶועל אַלֶעס טָאהן אוּם פוּן

מיין שליממזלדינגען מאן בעפרייט צו ווערין איך זאל קאנגען ביינגע אויף עיוויג ביינגע זיין •

זיא האט איהם ערצייהלט דעם פלאן וואס זיא האט געמאכט וויא אזוי פון איהר חאצקעלען אנגט ארוים צו בעקומען אונ דער פלאן איז איהם זייער גיפעלען געוואָרען •

זיא איז מאקע אין אפאר טעג ארום אוועק געפאָרען נאך ווארשויא • זיא איז אריינגעפאהרען אין אשיינעם האטעל אונ האט געזוכט זיך צו באגענענען מיט נולראקער יודען אום זייא זאלען קענען ערציילען חאצקעלען דאס וואס זייא וועלין זעהען, זיא האט גראדע געטראפען שמשון ברוקווע איהר שוועגרס אשונא • זיא האט זיך גאר ערקוויקט מיט איהם באלד האט זיא איהם פערבעטען צו זיך אין נומער האט פאר איהם נישטעלט כבוד אונ אלע גוטע זאכען זיא האט איהם אויך פערבעטען אין טהעאטער, אונ האט איהם ערציילט אז זיא לעבט דא זעהער פערגעניגט מיט גוטע ברידער אונ פריינדינען •

זיא האט געטראפען פונקט אין ציל, דען וויא גאר שמשון איז געקומען אין נולראק האט ער בעזוכט האצקעלעס פאטער אונ האט איהם ערציילט אלעס וואס ער האט גיזעהען ביא זיין שנור אונ דאביא האט ער נאך אפאר ליגענס אויך צוגעלייגט אז ער האט זיא גיזעהען אין טעהאטער מיט אשיינעם יונגען מאן •

חאצקעלעס פאטער וועלכער וואר אזא קארגער וויא זיין זאהן איז פון הויט געשפרונגען אלס ער האט דאס ערהערט, ער האט דאס באלד איבער גיגעבין זיין זאהן •

אונ וויא מיר ווייסין איז חאצקעל וואס צום ניכסטען אוועק געפאהרען נאך ווארשויא •

(אשנעל אין נאז)

ו.

דיא גֶעטְרַייֶע פְרויא

דבורה הָאט עֶרְוַוארְטָעט אִיהר מַאן, זִיא הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט קוּמֶען, אוּנ הָאט אִיהם מִיט אוּנגֶעדוּלְד אוֹיס גֶעקוּקְט סִיא הָאט גֶעקאנְט מֵיינֶען אַז זִיא הָאט אִיהם שְׁטַארְק לִיבּ וָואס זִיא עֶרְוַוארְטָעט אִיהם אַזוֹי. זִיא הָאט אָבֶּער מִיט דֶער עֶרְוַוארְטוּנְג נָאר אַיין אַנְדֶער זַאךְ גֶעמֵיינְט

אַלְס זִיא אִיז אַיין מָאהל פַאר נַאכְט גִיזֶעסֶען אִין צִימְמֶער הָאט דֶער בֶּעדִינְטֶער פוּן הָאטֶעל אִיהר גֶעמֶעלְדֶעט אַז אַיוּנְגֶער מַאן אִיז צוּא אִיהר גֶעקוּמֶען צוּ פָאהרֶען.

זִיא הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אִיהר חאצקעל, זִיא אִיז פוּן אִיהר אָרְט אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפֶען פוּן צִימֶער אוּנ הָאט טַאקֶע בַּאגֶעגֶענְט חאצקלען אוֹיף דִיא טְרֶעפּ.

חאצקעלע מַיין טַהייֶערֶער לִיבֶּער מַאן! — הָאט זִיא הֶעכְסְט עֶרְפְרֵייט אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן אִיהם פַאלֶענְד אוּם דֶעם הַאלְדְז — וָואס מַאכְסְט דוּא מַיין לֶעבֶּען?

וָואס זָאל אִיךְ מַאכֶען גֶעזוּנְד גָאט צוּ דַאנְקֶען — הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט הֶעכְסְט עֶרְפְרֵייט וָואס דבורה הָאט אִיהם אַזוֹי לִיבְּלִיךְ עֶמְפְּפַאנְגֶען, דֶען דָאס אִיז דָאךְ אַבֶּעוַוייז אַז זִיא אִיז אִיהם גֶעטְרַייא. נִיט וִויא עֶר הָאט גֶעמֵיינְט....

זִיא הָאט אִיהם אַרַיינְגֶעפִירְט אִין אִיהר צִימֶער, עֶר אִיז אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוָוארֶען אַלְס עֶר הָאט דֶעם רָאסְקָאשְׁנֶעם צִימְמֶער דֶערְזֶעהֶען עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאסְט גוּט גֶעלְד נָאר עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטֶען אוּנ הָאט גֶעשְׁווִיגֶען.

הַייא נָאמֶער נָאי! — הָאט דבורה אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן צוּם בֶּעדִינְטֶען — גִיבֶער דֶעם סַאמָאוַואר, אוּנ פֶערְגֶעס נִיט אַרַיינְטְרָאגֶען אַגוּטֶע פְלַאשׁ וַויין.

וואס באראך מען דיא וויין ! — האט חאצקעל ערציטערט געפרעגט •

וואס הייסט וואס מיא באראף דיא ווין, דוא ביזט דאך פון וועג מיין לעבען, וועסטו טרינקען אנלאז וויין, דא איז זעהער גוטער וויין פאראן •

איך באדארף קיין וויין ניט — האט חאצקעל געזאגט •

דוא מוזט טרינקען אנלאז וויין, דען דוא ביזט אנגעמאטערט פונס וועג איך וויל אויך טרינקען=צו ליב דיר אנלאז וויין •

וויא טהייער קאסט דא אפלאש וויין •

גיט טהייער חאצקוניא סך הכל דרייא רובל •

דרייא רובעל ? — האט חאצקוניא אויסער זיך פאר שרעק אנגעשרייא געטאהן •

נוא וואס זעה איז, זאל דוכטען אז מיר האבען פערקרייגט דרייא רובעל נישקאשע מיין גשמה מיר וועלין הלעבין ניט בדלות ווערין •

חאצקעל איז גיזעסען אין נעהאקטע וואונדערן, ער האט מורא געהאט זיא צו זידלען ווייל בייא איהר איז דאך דאס גאנצע געלד, אונ מיא טאחז זיא אין כעס ניט אריין ברייגגען •

דער בעדינטער האט דער לאנגט אבאמאוואר מיט אפלאש וויין, דבורה האט געשווינד דער לאנגט דעם געטרייען מאן אנלאז טהייא, האט באבייא פון קאמאדע ארויס גענומען אגרויס פאפיר מיט אלערלייא געבעקס וואס יעדער שטיקעל קאסט צעהען קאפיקען •

עס מיין גאלד — האט זיא צו איהם געזאגט אונ האט אליין אויך גענומען אנלאז טהייא מיט זיסע פלאדען •

חאצקלען האט געפלאצט דיא גאל, ער האט דאך גיוואוסט אז דאס אלעס קאסט געלד אונ טאקע זיין געלד, ער האט אנגפאנגס נעקלערט זיך דערצו אפילו ניט צוזיהרען, אלס ער האט זיך אבער דער מאוגט אז דאס קאסט שאן אלס איינס געלד האט

עָר גֶעטְרוּנְקֶען את נֶענֶעסֶען וויפיל עֶס איז נור אִין אִיהם אַרַיין. דֶערְפַאר אָבֶער הָאט עֶר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט רבורהן אויף אַלֶע גוּטֶע רֵייד וָואס זִיא הָאט צוּ אִיהם גִירֶעדְט.

זִיא הָאט אָנְגֶענָאסֶען זִיךְ אַנְלָאז וַויין אוּנ הָאט אִיהם אוּנְטֶער נֶעטְרָאגֶען אַפּוּלֶע גְלָאז מִיט וַויין. עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה דִיא גְלָאז מִיט דִיא וַויין אַוָועקְוַוארְפְן אִיהר אִין קָאפְּף אַרַיין, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער דֶער מָאהְנְט אַז בַּייא אִיהר אִיז דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד, הָאט עֶר שָׁאן גֶעמוּזְט קְרִיכֶען וַוייטֶער אִין פַייעֶר אוּנ טְרִינְקֶען.

דוּא ווילְסְט דָאךְ בְּוַדַאי עֶסֶען חאצקוניא — הָאט זִיא אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

גֶיין אִיךְ בִּין נִיט הוּנְגֶערִיג אִיךְ הָאבּ דָאךְ גִיגֶעסֶען דִיא דִיא פְלָאדֶען מִיט טֵייא.

עֶס מַאכְט נִיט אוּיס דוּא וֶועסְט עֶסֶען — הָאט זִיא גֶעזָאגְט — דֶען מִיא קָאכְט דָא זֶעהֶער גוּט.

זִיא הָאט גֶעהַייסֶען דֶעם נָאמֶער נָיא עֶר זָאל בְּרֵיינְגֶען פוּן דֶער יִדִישֶׁער רֶעסְטָאראַצְיָאן „העקסעלמאן" צְוַוייא מִיטָאגֶען.

וָואס טֵייג דִיר צְוַוייא מִיטָאגֶען אֵיינֶער וֶועט אויךְ זַיין גֶענוּג — הָאט עֶר גֶעזָאגְט.

וָואס קְלֶעקְט אֵיין מִיטָאג אוּיף צְוַוייעֶן, נִישְׁקָאשֶׁע מִיר וֶועלִין דָאס אוּיף עֶסֶען.

וִויפִיל קָאסְט דָא אַמִיטָאג?

גִיט טְהֵייעֶר חאצקוניא 75 קָאפִּיקֶעס אַמִיטָאג — הָאט זִיא לָאכֶענְד גִיעֶנְטְפֶערְט.

75 קָאפּיקֶעס? — הָאט עֶר אַנֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן.

נוּא וָואס זֶעה אִיז. דָאס אִיז דָאךְ אַפְּרֶעמְדֶע שְׁטָאדְט, דָא אִיז נִיט דִיא הֵיים.

וָואס טֵייג אוּנְז דִיא מִיטָאגֶען, דֶערְצֵייל מִיר בֶּעסֶער וָואס הֶערְט זִיךְ וֶועגֶען דִיא כְּהוּרָה? הָאכְטוּ שָׁאן עֶפֶּעס אֵיינְגֶעקוֹיפְט?

(אשנעל אין נאז) ניין

לאהנט ניט צו מאכען אמאנופאקטור געשעפט.
וואס וועה טוהסטו דא אין ווארשויא?
אזוי גלאט. מיר האט זיך פערוואלט אביסעל דיא צייט פערטרייבען פין איך אהער געקומען, דא קאן מען פערגעניגען האבען, דוא וועסט וועהען חאצקוניא זיטץ דא אפאר וואכען וועסטו אויך פיל פערגעניגען האבען.
זאל נאט היטען ווער וועט דא זיטצען צווייא וואכען? משונגע מיינע שונאים. מיר וועלין נאך מארגען פארען אהיים.
אויב דוא ווילסט פאהרין פאר זיך געזינדער היט.
נוא אונ דוא?
איך וועל נאך בלייבען דא.
וואס וועסטו דא טאהן.
איך וועל מיר געהען אלע נאכט אין טהעאטער, אי מיין נאלד דוא זאלסט זעהן וויא שיין מיא שפיעלט דא טהעאטער, איך געה אלע נאכט, מיר וועלין היינט ביידע געהן אהיא?
ניין איך וועל ניט געהן — האט חאצקעל צארניג געזאגט.
נוא וועל איך געהן אליין.
דערווייל האט מאן געבראכט מיטאג. חאצקעל האט נאר ניט געקאנט צוזעהען דיא שפייזען וואס מיא האט דא געשטעלט אויפן טיש. ער איז אויפגעשטאנען אונ האט אנגעהויבין ארום-צולויפען הין אונ צוריק איבער דעם ציטער.
נוא חאצקוניא זעטץ זיך וועלין מיר עסען — האט דבורה פריינדליך געזאגט.
ניין איך וועל ניט עסען! — האט ער צארניג געענטפערט.
אז דוא ווילסט ניט באדארף מאן ניט — האט זיא קאלט געזאגט — נא עס איז אשאדע וואס מיא וועט דארפין ביין ווארטען אבגעבען דעם משרת.
שיק איהם אב צוריק.

... וועט שוין ...

חאצקעלען איז גיוועז אַשׁאַדע דיא 75 קאַפּייקען וואס דער מיטאג קאָסט, ער האט זיך גענעצט אונ האט איהם איינגעשׁלונגען.

יעצט מיין לעבען וועלין מיר געהן אין טהעאַטער — האט דבורה געזאגט. אַלס ער האט שוין אָבגעגעסען.

איך האב דאך דיר געזאגט אַז איך וועל ניט געהן.

נוא וועל איך געהן אַליין — האט זיא גיענטפערט אונ האט זיך גענומען צוקלייבען צום טהעאַטער.

זיא האט גיפינט דעם טשעמאדאן אונ האט אַרויסגענומען אַשׁפּאַגעל נייע קלייד פון גוטען שטאף אויך אַנייעם מאַנטעל, פון אַקערבעלע האט זיא אַרויסגענומען אַנייעם הוט מיט נייע האנדשוה, אונ נאך קליינינקייטען אַלץ נייע.

דאס האסטו זיך ערשט געמאכט? — האט חאצקעל געפרעגט אונ איז בלאס געווארין וויא דער טויט.

יא חאצקוניא דאס האב איך זיך אַלץ דא היא געקויפט, עס קאסט ניט טהייער איך האב דא אויסגעגעבען אויף זיך סך הכל דרייא הונדערט רובעל, בעטראכט נאר דיא שטאף פון דער קלייד אונ פון דעם מאַנטעל וועסטו זעהען אַז איך האב ניט איבער געצאהלט.

וועה איז מיר! — האט ער פאסט פערצווייפעלט אַנגעשריא געטאהן — דוא מאכסט דאך זיך אַליין אונגליקליך, דוא וואַרפסט געלד אין בלאטע.

נין קעטצעלע מיינס — האט זיא שמייכלענד גיענטפערט — דאס איז ניט געווארפען אין בלאטע, דוא ווייסט דאך אַז היינט מוז מאן אַרויסגעהען שיין געקליידט, אם ירצה השם מארגען וועסטו מיט מיר געהען אין דיא קראמען.

וואס וועל איך טאהן אין דיא קראמען?

איך מוז זיך נאך מאכען אַסאמעטע קלייד אונ אַבאַלנע . (אשנעל אין גאו) קלייר

קינד, היינט וויל איך זיך קויפען אגוטען פעלטין, עס געהט דאך שוין צו ווינטער.

ביזט משוגע צו חסר דיעה? — האט ער ווילד אנגעשריא געטאהן.

נארוניא מיא מוז דאך פאר דער וועלט אויך יוצא זיין, און אז איך וועל אויסנעבען אויף זיך צקערבליך טויזענד מה בעש, הלעבין. איך האב גיזעהן לייטישע ווייבער גיבען אויס אסך מער און זייערע מאנען האבען נאך דערפון הנאה, איא חאצקוניא דוא וועסט נעהן מארגען מיט מיר אין די קראמען?

דוא ביזט אמערדערין ארוצחטע! — האט ער שוין יעצט מיט כעס אנגעשריא געטאהן — דאס טוהט ניט קיין מענטש מיט אגלייכען פערשטאנד.

נאט צו דאנקען איך וויים אז איך בין בייא מיין קלארען פערשטאנד — האט זיא רוהיג גיענטפערט — דען ווען איך זאל זיין ווירקליך משוגע, האב איך באדארפט זיצען אין נולראק בייא דיר אין שטוב אונ היטען זיך איך זאל ניט עסען קיין פרישען ברויט אונ זאל ניט טרינקען אגלאז טהייא, זיך שטאפען מיט קארטאפליעס אזוי וויא דיין מאמע. איך האב נאט צו דאנקען בייא זיך צעהן טויזענד רובעל וועל איך זייא מאכי אויסגעבען אויף זיך, איך באדארף קיין געלד ניט, מיין מאמע האט מיר צוגעזאגט אז זיא וועט מיך האלטען געבען זיך כל זמן זיא וועט לעבען.

חאצקעלע האט שיער דיא אפאפלעקסיע בעקומען אויס כעס, אונ אלס ער האט אנגעהייבן העבער צוא שרייען האט דבורה געזאגט: דוא מיין חאצקוניא מאך דא קיין גוואלדין גיט פערגעס ניט אז דוא ביזט ניט בייא זיך אין דער היים, דער נאמערנייא קאן אבין געהען מיט אגארדאוואי אונ מיא קאן דיך פערבעטען אויף נאכט אין דער פאליצייא.

(אשגעל אין נאז) אבער

אָבֶּער וָואס הָאסְטוּ צוּ מַיינֶע גֶעלְד ? — וָואס עֶס [illegible]
וויינֶענְד גֶעשְׁרִיעֶנְן — גִיבּ מִיר אָבּ מַיינֶע פִיהר טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל, מַיין טַאטֶעְנְס גֶעלְד.

יַא אִיךְ קָאן דִיר דַיין גֶעלְד אָבְּגֶעבֶּען — הָאט דבורה גִיעֶנְטְפֶערְט — נוּר דוּא זָאלְסְט אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ זַיין מִין חאצקוניא אוּנ מִיר גֶעבֶּען גֶט.

אוּנ אַז אִיךְ וֶועל דִיר קֵיין גֶט נִיט וֶועלִין גֶעבֶּען וָואס וֶועסְטוּ טָאהן ?

וֶועל אִיךְ מִיר דַיין גֶעלְד נִיךְ אָבֶּער טַאקִי גַאנְץ נִיךְ פַּאטֶערִין, אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר גָאךְ דֶעם אֵיין קָאפִּיקֶע נִיט אָבְּגֶעבִּין, צוּ דִיר וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִיט פָאהְרִין דָאס קָאנְכְטוּ זִיכֶער זַיין, אִיךְ וֶועל זִיךְ זִיטְצֶען בַּייא מַיין מַאמֶען, אוּנ דוּא וֶועסְט זִיךְ וָואהֲגֶען בַּייא דַיין לִיבֶּען טַאטֶען.

האצקעלע הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דבורה וֶועט מְקַיֵים זַיין אִיהר פֶערְשְׁפְּרֶעכוּנְג עֶר הָאט שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא וִויל יֶעצְט פוּן אִיהם רַאכֶע נֶעהמֶען דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט זִיא אַזוֹי שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדֶעלְט, אוּנ זִיא וֶועט גֶעוִוים דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד אִיבֶּערְפִירֶען, זָא דָאס עֶר וֶועט בֶּאֱמֶת טַאקִי נָאכְדֶעם נִיט הָאבֶּען אוֹיף אַמִיטָאג.

עֶר הָאט זִיךְ אָבְּגֶעמוּטְשֶׁעט נָאךְ אַפָּאר טֶעג, מִיט דֶער הָאפְנוּנְג פִיעלַייכְט וֶועט דבורה צוּם שֵׂכֶל קוּמֶען, אוּנ וֶועט אִיהם דָאס גֶעלְד אָבְּגֶעבֶּען. אָבֶּער זִיא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּייא אִיהר נַארִישְׁ-קַייט אוּנ הָאט אוֹיף מָארְגֶען טַאקִי אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פְרִישֶׁע צְוַויא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל אוֹיף קְלֵיידֶער ;

דָא הָאט זִיךְ שׁוֹין אוּנְזֶער חאצקעלע בֶּעשְׁלָאסֶען טָאהן וָואס זִיא פֶערְלַאנְגְט. עֶר הָאט מִיט אַצוּבְּרָאכֶען הַארְץ אִיהר גֶעגֶעבֶּען גֶט, אוּנ זִיא הָאט מִיט שִׂמְחָה אִיהם אָבְּגֶעגֶעבֶּען פוּן זַיין גֶעלְד דְרַייא טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל וֶועלְכֶע עֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען מִיט כַּעַס אוּנ הָאט אַנֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן מֶערְדֶערִין.

(אשנער אין נאז) ביידע

פֵּֿירָע הָאבֶּֿען גֶעמַאכְט דִיא בְּרָכָה שְׁפֶּֿטַרְנִי . אוּנ זַייְנֶען פְּטוּר גֶעוָוארִין אֵיינֶער פוּנְם אַנְדֶערְן :

: ֹ :

פוּן דֶער גֶעשִׁיכְטֶע הָאט מַאן בַּאלְד אִיבֶּערְאַל עֶרְפַֿאהרֶען , אוּנ אַלֶע הָאבֶּען שְׁטַארְק הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם „שְׁנָעל אִין דֶער נָאז“ וָואס דבורה הָאט אִיהר חאצקלען גֶענֶעבִּין , בֶּעזָאנְדֶערְס אִין נִילְרָאק הָאבֶּען אַלֶע ווַייבֶּער שְׁטַארְק פֶֿערְגֶעגִינֶען גֶעהַאט פוּן דֶער מַעֲשֶׂה אוּנ אַז זַייא הָאבֶּען עֶרְהֶערְט אַז אַמַאן פֶֿעהַאנְדֶעלְט שְׁלֶעכְט אַווַייבּ הָאבֶּען זַייא בַּאלְד גֶעזָאגְט : מִיא בַּארַארְף אִיהם גֶעבֶּען אַזַא שְׁנֶעל אִין נָאז וִויא דבורה הָאט גֶעגֶעבֶּען אִיהר לִיעבֶּען האצקלען .

אַז דבורה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט לֵאזארן פֶֿערְשְׁפָּאר זִיךְ צוּ עֶרְצֶעהלֶען .

(אשנעל אין נאז)